**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/19/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול גרינדט ערשטע לאנג איילענד ים עסנווארג קאך טרעיל**

***סאוט ים ברעג טרעיל טייל פון די גאווארנער'ס בלויע עסן טראנספארמאציע איניציאטיוו, צום ערשט פארגעשלאגן אינעם 2024 סטעיט און די סטעיט***

***טיילט מיט אביסל פון די נייע עפפ צו שטיצן לאקאלע ווילד-געכאפטע און פארם-געהאדעוועטע ים עסנווארג אינדוסטריעס, ברענגען ביזנעס צו לאקאלע רעסטאוראנטן און ביזנעסער און שטיצן טוריזם איוף לאנג איילענד***

***אפלאדירט דערגרייכונגען פון ניו יארק'ס אינטער-אגענטור טעסק פארס און ים עסנווארג פראצעסירונג דורכפירבארקייט שטודיע געפירט דורך CCE סופאלק קאונטי***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די גרינדונג פון די לאנג איילענד ים עסנווארג קאך טרעיל (Long Island Seafood Cuisine Trail). אפיציעל היינט געעפנט, גייט די סאוט ברעג טרעיל פון בעי ברעג צו מאנטאוק און איז געמאכט צו ברענגען ביזנעס און טוריזם מצו לאקאציעס וואס סערווירן און פארקויפן שטאלצערהייט לאקאל געהאדעוועטע און ווילדערניש-געכאפטע, דויערהאפטיג געפאנגענע פיש און שעלפיש בשעת'ן שטיצן לאנג איילענד'ס ים עסנווארג אינדוסטריע. די טרעיל איז א טייל פון די סטיעט'ס בלויע עסן טראנספארמאציע איניציאטיוו, ערשט געמאלדן אינעם גאווארנער'ס 2024 סטעיט און די סטעיט פארשלאג, וואס איז געשאפן געווארן צו ווידעראויפלעבן ניו יארק'ס ים-קולטור און ווילדערניש-געכאפטע ים עסנווארג אינדוסטריעס און פארשטערקערן לאקאלע עסן סיסטעמען.

"לאנג איילענד'ס ים-קולטור און ים עסנווארג אינדוסטריעס זענען וויכטיג צו ניו יארק'ס אגריקולטורישע עקאנאמיע - זיי שאפן דשאבס, שטיצן א געזונטע ענווייראמענט, און שטעלן צו פאר ניו יארקערס פרישע, נארהאפטיגע ים עסנווארג," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די לאנג איילענד ים עסנווארג קאך טרעילס באווייזן די געוואלדיגע פיש און שעלפיש וואס ווערט געכאפט לאקאל, ווייזט אונזער אויסערגעוויינליכע קליינע ביזנעסער און ציט צו מער באזוכער צו דעם געוואלדיגן ראיאן."

**לאנג איילענד ים עסנווארג קאך טרעיל**

די היינטיגע מעלדונג איז געמאכט געווארן מיט א ספעציעלע שטריק-שניידן צערעמאניע אין די Snapper Inn אין אקדעיל וואו סטעיט אגריקולטור קאמישענער Richard A. Ball (ריטשערד א. באל) האט זיך באטייליגט מיט פארשטייער פון קארנעל קאאפעראטיווע עקסטענשן ( Cornell Cooperative Extension CCE) פון סופאלק קאונטי, סטעיט און לאקאלע ערוועלטע אפישלס, לאקאלע ביזנעס אייגנטומער און אנדערע פארטנערס אויפצודעקן די ערשטע פון צוויי געפלאנטע לאנג איילענד ים עסנווארג קאך טרעילס. די Snapper Inn איז אויף די מערב זייט פון די דרום ברעג טרעיל, וועלכע וועט ארייננעמען 20 אפיציעלע לאקאציעס און אנדערע פוקנטן פון אינטערעסע צו באצייכענען ניו יארק'ס ים

עסנווארג אינדוסטריע, און ברענגען באזוכער און ביזנעסער וואס סערווירן און פארקויפן לאקאל ווילדערניש-געכאפטע, דויערהאפטיגע געקליבטע פיש און שעלפיש. די צפון ברעג טרעיל, וועלכע וועט לויפן פון אויסטער בעי צו גרינפארט, איז אונטער אנטוויקלונג און איז באשטימט זיך צו גרינדן אין די קומענדיגע חדשים.

די אוונט האט אויך געהאט א קליינע בליק אריין אין די קומענדיגע לאנג איילענד ים עסנווארג קאך טרעיל דיגיטאלע עפפ, וועלכע וועט עס מאכן נאך לייכטער פאר קויפער צו טרעפן לאנג איילענד ביזנעסער וואס סערווירן ים עסנווארג צענטרירטע מאלצייטן. יעצט נאך אונטער אנטוויקלונג, וועט די עפפ אנווייזן קויפער צו לאנג איילענד ביזנעסער וואו זיי קענען הנאה האבן פון א גוטע לאקאלע ים עסנווארג מאלצייט, נעמען עטליכע סארט אויסטערס פאר א לאקאלע אויסטער טעיסטינג, ארויסנעמען א שנעלע ים עסנווארג מיטאג אדער פילעטס פון א לאקאלע ים עסנווארג געשעפט צוצוגרייטן א פיש נאכטמאל אינדערהיים. אן אנליין ווערסיע פון די עפפ איז צו באקומען אויף די [לאנג איילענד ים עסנווארג טרעיל וועבזייטל](), און די מאביל עפפ איז ערווארטעט צו זיין צו באקומען אויף די עפפל עפפ סטאר און גוגל פלעי אין די קומענדיגע וואכן.

באזוכער זענען געמוטיגט נאכצופאלגן די טרעיל פאר לאקאציעס וואס זענען באוואוסט צו אנערקענען און פייערן די פילע גוטס פון לאנג איילענד'ס וואסערן בשעת'ן שטיצן ביזנעס און שטיצן לאקאלע פישעריי קאמיוניטיס. ראיאנישע פונטן פון אינטערעסטן און לאקאלע אוונטן זענען אויך ארייגעלייגט אין די עפפ צו שטיצן א פולע טוריזם ערפארונג. באזוכט די [ים עסנווארג טרעיל בלאט אויף די לאקאלע פיש וועבזייטל]() פאר מער אינפארמאציע.

די טרעיל איז געשאפן געווארן דורך CCE פון סופאלק קאונטי'ס מארין פראגראם, אין צוזאמענארבעט מיט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (AGM) דערצו האט AGM געארבעט מיט די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (DOT) אויף די אויסשטעלונג פון די טרעילס. א ליסטע פון טרעיל סטאפס איז צו באקומען איף די [AGM וועבזייטל]().

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמישענער Richard A. Ball (ריטשערד א. באל) האט געזאגט,** "לאנג איילענד'ס וואסערן זענען פיל מיט פרישע, גוטע פיש און שעלפיש, און אונזער ים עסנווארג אינדוסטריע ארבעט איבערמידליך צו זאמלען און האדעווען די לאקאלע דעליקאטעסן. איך מוטיג ניו יארקערס צו באזוכן סיי וויפיל פון די פילע סטאפס אויף די נייע לאנג איילענד ים עסנווארג קאך טרעיל צו טרעפן גוטע עסן און העלפן שטיצן אונזער לאקאלע ים קולטור קאמיוניטי."

**קארנעל קאאפעראטיווע עקסטענשן סופאלק עקזעקיוטיווע דירעקטאר Vanessa Lockel (וואנעסא לאקעל) האט געזאגט,** "די CCE סופאלק מארין פראגראם האט געשפילט א הויפט ראלע אין אנהאלטן לאנג איילענד'ס וואסערוועגן דורך סייענס, צוריקשטעלונג און ערציאונג. מיר זענען שטאלץ זיך צו האבן צאמגעשטעלט אויף די לאנג איילענד ים עסנווארג קאך טרעיל, א פראיעקט וואס שטעלט זיך צאם מיט אונזער מיסיע דורך באצייכענען די ראיאן'ס ים קולטור און ים עסנווארג אינדוסטריעס-אינדוסטריעס וואס זענען קריטיש צו סיי אונזער עקאנאמיע און די געזונט פון אונזער אומגעבונג."

**ים עסנווארג פראצעסירונג מעגליכקייט שטודיע**

אויך פינאנצירט דורך די גאווארנער'ס בלויע עסן טראנספארמאציע איניציאטיוו, CCE פון סופאלק קאונטי האט פארבינדן אינדוסטריע סטעיקהאלדערס און דורכגעפירט אונטערזוכונגען צו טרעפן און מינערן שטרויכלונגען וואס זענען נויטיג צו פארברייטערן קאפאציטעט פאר ים עסנווארג פראצעסירונג אויף לאנג איילענד. די פראיעקט קוקט נאך אפערירורנג מאדעלס, לאקאציעס, בעיסיק פאסיליטי דיזיין און קאפיטאל בודשעט אלס א באזיסליניע פאר סטענדאלאן ים עסנווארג פראצעסירונג פאסיליטיס. אן ענדגיליטיגע

רעפארט וועט ווערן פארגעשטעלט פאר אינדוסטריע פידבעק אין לאנג איילענד יִם עסנווארג סומיט די חודש.

**אינטער אגענטור טעסק פארס**
אין צוגאב צו די קאך טרעילס און מעגליכקייט שטודיע, האט די גאווארנער אויך געמאלדן אז AGM, די דעפארטמענט אוו ענוויראמענטאלע קאנזערוואציע, עמפייער סטעיט אנטוויקלונג, דעפארטמענט אוו העלט, ניו יארק יִם גרענט און אנדערע אגענטורן אריינגעמישט אין די פראדוצירונג און מארקעטינג פון יִם עסנווארג האבן אויסגעפארעמט די ניו יארק סטעיט יִם עסנווארג אינטעראגענטור ארבעטגרופע. די גרופע איז געגעבן געווארן די ארבעט צו אפשאצן און קאארדינירן סטעיט פאליסיס און פראגראמען וואס באטרעפן יִם קולטור לייסנס, עסן זיכערהייט און עקאנאמישע אנטוויקלונג מאסנאמען און באטראכטן וועגן פאר אינדוסטריע וואוקס. די ארבעטגרופע'ס ענדגילטיגע רעפארט איז צו באקומען אנליין אויף די [AGM וועבזייטל].

ניו יארק סטעיט האט א פארשידנארטיגע דויערהאפטיגע ווילדערניש-געכאפטע יִם עסנווארג אינדוסטריע און וואקסנדע יִם קולטור אינדוסטריע וואס זאמלען פארשידנארטיגע פראדוקטן אריינגערעכנט פינפיש, קעלפ און שעלפיש. קאמערשל פישכאפער אויף לאנג איילענד האבן דויערהאפטיג געזאמלט איבער 16 מיליאן פונט פון פינפיש אין 2023, ווערד איבער 28 מיליאן דאלאר. מאנטאוק, די סטעיט'ס גרעסטע קאמערשל פישעריי פארט, איז די 51סטע אינעם לאנד פאר ווילדערניש-געכאפטע יִם עסנווארג באזירט אויף פונט און די 53סטע אינעם לאנד באזירט אויף דאלאר ווערד.

פון לאנג איילענד צו די פינגער לעיקס, טוען סיי קליינע און קאמערשל וואסער קולטור אפעראציעס וואקסן פרישע, זיכערע און דויערהאפטיגע יִם עסנווארג און זאמלען ווילדערניש-געכאפטע דויערהאפטיגע פיש. לויט די מערסט לעצטיגע USDA צענזוס אוו אגריקולטור, איז די יִם קולטור אינדוסטריע איבער 25 פראצענט פון פארמס אויף לאנג איילענד, מיט 155 אפעראציעס אין סופאלק קאונטי און 15 אין נאסאו קאנטי, צוזאמען האבן די צוויי קאונטיס געברענגט איבער 14.5 מיליאן דאלאר אין סעילס אין 2022.

**דעפארטמענט אוו ענוויראמענטאלע קאנזערוואציע אמטירנדע קאמישענער Amanda Lefton (אמאנדא לעפטאן) האט געזאגט,** "א דאנק גאווארנער Hochul'ס (האקול) אנגעהאלטענע שטיצע און באשיצונג פון די סאוט ברעג'ס אומערזעצבארע מארין האביטאט און רעסאורסעס, די לאנג איילענד יִם עסנווארג קאך טרעילס איניציאטיוו גרייט זיך צו גרינדן איר ערשטע טייל און פייערן די געוואלדיגע יִם עסנווארג פארבינדן מיט לאנג איילענד'ס לעבהאפטיגע ברעגישע קולטור און מאריטימע טראדיציעס. DEC אנערקענט די ארבעט פון אונזערע פארטנערס אין די דעפארטמענט אוו אגריקולטור און מארקעטס און זייער ארבעט צו שטיצן לאקאלע העטשעריס, שטיצנדיג די לאנג איילענד'ס שעלפיש פארמינג עקאנאמיע און צוגעבנדיג צו די סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו פארזיכערן די סוקסעס פון ניו יארק'ס קאמערשל פישעריי אינדוסטריע בשעת'ן באשיצן יִם עסנווארג פאר באנוצער."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע קאמישענער Marie Therese Dominguez (מארי טערעז דאמינגועז) האט געזאגט,** "לאנג איילענד איז איינס פון די צענטערן פון ניו יארק'ס אינטערנאציאנאל אנערקענט עסן און טרינקען אינדוסטריע, מיט איר וועלט-בארימטע ווײנשטאקן, רייכע פארמלענדער און פישעריי היסטאריע. די לאנג איילענד יִם עסנווארג קאך טרעיל, וועלכע ניו יארק סטעיט DOT שטיצט שטאלץ, וועט פארבעסערן דויערהאפטיגקייט און געזונטע יִם-קולטור און איז א פערפעקטע וועג פאר סאוט ברעג איינוואוינער און באזוכער צו זען לאנג איילענד'ס הערליכע יִם ברעגעס און נאטיווע ווײלדלייף, בשעת'ן הנאה האבן פון די מערסט נארהאפטיגע און גוטע יִם עסנווארג פון איבעראל אינעם וועלט. זיך צו זען אויפן טרעיל!"

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "די נייע לאנג איילענד ים עסנווארג קאך טרעיל וועט ווייזן די וועלט קלאס קולינערי פארשלאגן וואס איז דא פאר איינוואוינער און באזוכער צוגלייך לענגאויס די סאוט ברעג. דאס וועט ווייזן די וויכטיגקייט פונעם ראיאן'ס ים-קולטור אינדוסטריע און איינפירן מער מענטשן צו די אייגנארטיגע קליינע ביזנעסער וואס זענען וויכטיג צו לאקאלע עקאנאמיעס."

**לאנג איילענד פארם ביורא דירעקטאר Rob Carpenter (ראב קארפענטער) האט געזאגט,** "קאמערשל פישכאפעריי און ים-קולטור זענען זייער וויכטיגע לעגאסי אינדוסטריעס אין לאנג איילענד. אונזערע פישכאפער, בעימען און אויסטער-האדעווער שטעלן צו פאר איינוואוינער מיט עטליכע פון די העכסטע קוואליטעט און מערסט באַ'טעמ'טע ים עסנווארג וואס ווערט געטראפן סיי וואו אין די וועלט. די ים עסנווארג טרעיל וועט העלפן שטיצן די געוואלדיגע רעסטאראנטן, געשעפטן און ים עסנווארג פראדוקטן וואס איז דא צו באקומען גלייך דא אין אונזער בעקיארד פאר איינוואוינער צו ערפארן און הנאה האבן."

**לאנג איילענד אויסטער וואקסער אסאסיאציע פרעזידענט Eric Koepele (עריק קופעל) האט געזאגט,** "אויב Dorothy וואלט געקומען פון לאנג איילענד, וואלט יעדע אויסטער שעל טרעיל איבערגעשפרינגען Oz פאר א ים עסנווארג גן עדן אזויווי די Snapper Inn-וואו לאקאלע אויסטערס זענען שיינענדע שטיינער הינטערן פארהאנג. איך מוטיג באזוכער אויסצוקוקן מער הערליכע לאקאציעס איבער רעגנבויגן אויף די לאנג איילענד ים עסנווארג קאך טרעיל צו פרובירן די בעסטע פון לאנג איילענד'ס גוטע, פרישע, לאקאלע אויסטערס."

**לאנג איילענד קאמערשל פישעריי אסאסיאציע עקזעקיוטיווע דירעקטאר Bonnie Brady (באני בראדי) האט געזאגט,** "פאר פיל צו לאנג, האבן קאסטומערס און באזוכער צו לאנג איילענד געדארפט זיין "אין די נאוו", צו טרעפן לאקאלע ספעשלס פונעם טאג פון רעסטאראנטן, ים עסנווארג געשעפטן און שיף-צו-טיש קליינע ביזנעסער. יעצט מיט די עפפ, קען יעדער טרעפן די פרישסטע לאנג איילענד ים עסנווארג מאלצייט, נארט אדער סאוט, נישט קיין חילוק אין וועלכע טייל זיי וואוינען אדער באזוכן!"

**דיסקאווער לאנג איילענד פרעזידענט און CEO Kristen Reynolds (קריסטען ריינאלדס) האט געזאגט,** "לאנג איילענד'ס רייכע מאריטימע ירושע און וועלט-קלאסישע ים עסנווארג אינדוסטריע זענען הויפט פירערס פון טוריזם און עקאנאמישע לעבהאפטיגקייט פאר אונזער ראיאן. אלס לאנג איילענד'ס איינציגסטע אנערקענטע דעסטינאציע מארקעטינג ארגאניזאציע מיט א עולם פון מער ווי מיליאן גלאבאלע וויוערס, קוקן מיר ארויס מיטצוטיילן די גוטע נייע פראדוקט, מוטיגנדיג סיי לאקאלע און באזוכער אויסצוטרעפן און שטיצן די קליינע ביזנעסער, רעסטאראנטן און ברעגישע קאמיוניטיס וואס מאכן אונזער פלאץ באמת אייגנארטיג."

**ניו יארק סטעיט רעסטאראנט אסאסיאציע פרעזידענט און CEO Melissa Fleischut (מעליסא פליישוט) האט געזאגט,** "מיט איר לעבהאפטיגע קולינערי סצענע, איז לאנג איילענד באוואוסט פאר איר געוואלדיגע רעסטאראנטן, און מיר זענען צופרידן צו זען גאווארנער Hochul (האקול) און אנדערע סטעיט פירער אנהאלטן זייער שטיצע פאר לאקאלע ביזנעסער לענגאויס די סטעיט. די זומער מאנאטן זענען א הויפט צייט פאר טוריזם, מאכנדיג די גרינדונג פון די לאנג איילענד ים עסנווארג קאך טרעיל פונקט אין א גוטע צייט. מירווארטן צו זען די פאזיטיווע ווירקונג וואס די איניציאטיוו וועט האבן אויף די ראיאן'ס רעסטאראנט אינדוסטריע, ברענגענדיג סיי וואכזאמקייט און באזוכער צו די לאקאלע ביזנעסער."

**סטעיט סענאטאר Michelle Hinchey (מישעל הינטשי) האט געזאגט,** "קאך טרעילס זענען וועגן צו עטליכע פון די בעסטע לאקאלע עסן וואס ניו יארק האט פארצושלאגן, פירנדיג מענטשן צו גוטע מאלצייטן און פראדוקטן בשעת'ן שטיצן די קליינע ביזנעסער וואס סערווירן זיי. די גרינדונג פון די לאנג איילענד ים

עסנווארג קאך טרעילס לייגט צו נאך א שיכט צו ניו יארק'ס פארברייטערטע עסן טרעיל סיסטעם און מיר זענען געווען שטאלץ צו פאראויס ברענגען די איניציאטיוו אינעם בודשעט פון פארגאנגענעם יאר. עס איז צופרידנשטעלנד צו זען די טרעיל פארווירקליכט ווערן, וויסנדיג אז עס וועט געבן פאר לאקאלע איינוואוינער און באזוכער די מעגליכקייט צו פרובירן פון די פרישסטע כאפונגען, אויסטרעפן נייע קאמיוניטיס און טרעפן באהאלטענע אוצרות אויפן וועג."

**אסעמבלימעמבערר Donna Lupardo (דאנא לופארדא) האט געזאגט,** "איך בין זייער צופרידן אז די לאנג איילענד ים עסנווארג קאך טרעיל איז שוין אויפגעשטעלט. מיר האבן אריינגערעכנט די בלויע עסן טראנספארמאציע איניציאטיוו אינעם פארגאנגענעם יאר'ס סטעיט בודשעט צו שטיצן ניו יארק'ס ים-קולטור אינדוסטריע און איניציאטיוון אזויווי די. קאך טרעילס זענען אויפגעוויזן געווארן צו זיין זייער פאפולער ווייל זיי שטיצן לאקלאע עסן און פארם ביזנעסער דורך אגרי-טוריזם. די נייע טרעיל און דיגיטאלע עפפ וועט שיינען א ספאטלייט אויף די לאקאל געהאדעוועטע און געזאמלטע פיש און שעלפיש פארוואס לאנג איילענד איז באוואוסט."

**אסעמבלימעמבער Jarett Gandolfo (דשארעט גאנדאלפא) האט געזאגט,** "לאנג איילענד'ס ים עסנווארג אינדוסטריע איז נישט נאר א הויפט טייל פון אונזער לאקאלע עקאנאמיע, עס איז א טייל פון ווער מיר זענען. פון פאמיליע-געאייגנטע רעסטאראנטן צו שווער-ארבעטנדע פישכאפער, פארלאזן זיך אזויפיל פרנסות אויף א בליענדע ים-קולטור אינדוסטריע. די גרינדונג פון די לאנג איילענד ים עסנווארג קאך טרעיל איז א גוטע וועג צו באצייכענען און שטיצן די ביזנעסער בשעת'ן געבן פאר איינוואוינער און באזוכער די מעגליכקייט צו ערפארן די געוואלדיגע ים עסנווארג וואס אונזערע וואסערן שטעלן צו. אינוועסטירן אין אונזער לאקאלע ים עסנווארג אינדוסטריע מיינט באשיצן דשאבס, פארשטערקערן לאנג איילענד'ס טוריזם, און פרעזערווירן א טראדיציע וואס איז ווייטער געגעבן געווארן פאר דורות. איך בין באמת צופרידן צו קענען זען די גרינדונג און פאזיטיווע ווירקונג וואס עס וועט האבן אויף אונזער קאמיוניטי."

**טאון אוו איסליפ סופערוויייזער Angie Carpenter (אנגי קארפענטער) האט געזאגט,** "לאנג איילענד'ס וואסערוועגן זענען איינס פון די גרעסטע נאטורליכע רעסאורסעס, און איניציאטיוון אזויווי די ים עסנווארג קאך טרעיל טוען נישט נאר פייערן אונזער לאנג-שטייענדע מארטימע ירושע נאר שטיצן אויך די שווערארבעטנדע מענטשן וואס האלטן אן אונזער לאקאלע ים עסנווארג אינדוסטריע. דורך אונזער טאון'ס שעלפיש העטשערי איניציאטיוו, זענען מיר איבערגעגעבן צו באשיצן וואסער קוואליטעט, ווידער אנפילנדיג שעלפיש באפעלקערונגען און פארזיכערנדיג אז לאקאל געזאמלטע ים עסנווארג בלייבט א ווינקלשטיין פון אונזער עקאנאמיע און קולטור. איך בין שטאלץ צו שטיין צוזאמען מיט אזויפיל איבערגעגעבענע פארטנערס ווען מיר ארבעטן ווייטער צו א בליענדע, דויערהאפטיגע צוקונפט פאר לאנג איילענד."

די בלויע עסן טראנספארמאציע איניציאטיוו איז געמאלדן געווארן אינעם גאווארנער'ס 2024 סטעיט אוו די סטעיט פארשלאג צו פארמערן באנוצער פארלאנג פאר לאקאלע עסן און פארשטערקערן די לאקאלע עסן סיסטעם. די באמיאונג וועט אריינעמען מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטור פינאנצירונג צו שטיצן מארין אגריקולטור, אויסהייבן א געזונטע נאטורליכע ענווייראנמענט, און צושטעלן ניו יארקער מיט א געזונטע קוואל פון לאקאל געוואקסענע ים עסן. די אינוועסטירונגען בויען אויף די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו טרייבן פארלאנג פאר ניו יארק אגריקולטורישע פראדוקטן, שטיצן ניו יארק'ס עסן סופליי טשעין און פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו פרישע, לאקאלע עסן. דאס רעכנט אריין די גאווערנער'ס עקזעקיוטיוו באפעל 32 פאראדערנענדיג סטעיט אגענטורן צו פארגרעסערן די פראצענטן פון עסנווארג וואס ווערט איינגעקויפט פון ניו יארקע פארמער און פראדוצירער צו 30 פראצענט פון זייערע סך הכל איינקויפונגען ביז פינף יאר.

ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו האלטן אלס א פריאריטעט צו פארמערן צוטריט צו עסנווארג פאר אלע ניו יארקער און צושטעלן נייע מארקעטס פאר פארמערס דורך א צאל פראגראמען און איניציאטיוון, אריינגערעכנט די פארבעסערטע FreshConnect Fresh2You אינציאטיוו, די פארמערס מארק נערונג פראגראמען (Farmers’ Market Nutrition Programs), די שטאטישע פארמס און געמיינדע גערטנער גרענטס פראגראמען (Urban Farms and Community Gardens Grants Programs) און נאכמער. די דעפארטמענטגעבט אויך די Nourish New York פראגראם, וועלכע איז אויסגעשטעלט צו באקומען נאך 5 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין די גאווארנער'ס פארגעשלאגענע עקזעקיוטיווע בודשעט דעם יאר.

די NYS 30 פראצענט איניציאטיוו פאר שולעס, זענען די סטעיט'ס פארם-צו-שולע פראגראם, און קינדער ערנערונג פראגראמען געגעבן דורך די סטעיט עדוקעישן דעפארטמענט קאנצענטרירט אויף קויפן מער לאקאלע פראדוקטן פון ניו יארק פארמערס און פארמערן געזונטע ערנערונג לאקאלע עסן פאר ניו יארק שולע מיטאגן.

דערצו,געבט די גאווארנער 50 מיליאן דאלאר איבער פינף יאר צו שטיצן ראיאנישע קאכן פאסיליטיס וואס וועלן נוצן די באנוץ פון פרישע ניו אירק סטעיט פארם פראדוקטן אין מאלצייט צוגרייטונג פאר K-12 שולע קינדער און א 10 מיליאן דאלאר גרענט פראגראם צו שטיצן דאס אוועקשטעלן פון פארם מארקעטס, סופערמארקעטס, עסן קאאפערטיוווס, און אנדערע ענדליכע ריטעיל עסן געשעפן, ווי אויך זיי צו שטיצן מיט אינפערסטרוקטור אין קאמיוניטיס און ראיאנען אינעם שטאט וואס ווערן נישט גענוג סערווירט.

לערן איבער די AGM פראגראמען און איניציאטיוון פאקוסירט אויף צושטעלן נייע מארקעטס פאר פארמער, פארמערן עסן צוטריט צו באזייטיגטע געמיינדעס, און בויען געזונטערע קאמיוניטיס אויף די [AGM וועבזייטל אויף די "געזונטע קאמיוניטיס" בלעטל].

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן